ב"ה

# צעירי השלוחים

"פאראייניגטע צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office


י"ג סיון תשס"ו

פרשת נשא

טייערע קינדער שלוחים,

דער הייליגער יום טוב שבועות איז אדורך, און מיר האבן שוין באקומען די תורה. מיר מוזן יעצט באווייזן אז מיר וועלן היטן די ספעציעלע מתנה וואס מיר האבן באקומען.

דער רבי האט אמאל דערציילט, אז א חסיד איז געקומען צום פריערדיקן רבי'ן א פאר טעג נאך שבועות בעטן א ברכה פאר א גשמיות'דיגע זאך.

האט אים דער פריערדיקער רבי געענטפערט: "איך בין נאך אויפן בארג." ער האט נאך געהאלטן אין דער הייליגקייט פון שבועות.

קינדער, מיר מוזן נעמען די הייליגקייט פון שבועות און האלטן דאס מיט אונז ביז מיר וועלן זוכה זיין צו משיח נאו!

א. וועכטער

## משיח נאו!



אין גמרא שטייט אז אין דער צייט פון גאולה וועט דער אויבערשטער הרג'ענען דעם יצר הרע פאר אלע צדיקים און רשעים. צו די צדיקים וועט דער יצר הרע אויסזען ווי א גרויסער בארג, און צו די רשעים וועט דאס אויסזען ווי א קליין האר.

די רשעים וועלן וויינען, "פארוואס האבן מיר ניט געקענט געוועלטיקן איבער אזא קליין האר?"

*קינדער, לאמיר לערנען פון דעם שוין יעצט און ניט צוהערן זיך צו דעם יצר הרע, און אזוי גלייך זוכה זיין צו דער צייט ווען דער אויבערשטער וועט אים אוועקנעמען אויף אייביג!*

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת נשא

ברכת כהנים

אין פרשת נשא זאגט די תורה די ברכות וואס די כהנים דארפן בענטשן אידן:

**יברכך ה' וישמרך. יאר ה' פניו אליך ויחונך. ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום.**

פרשת נשא לייענט מען אלעמאל אין דער וואך פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, ווען אידן נעמען אן אויף זיך צו לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות.

דערמיט לערנט אונז די תורה, אז דורך דעם וואס מ'האלט זיך בא דער תורה הקדושה, וואס דעמאלט ווערט מקויים אז יעדער איד און אלע אידן ווערן א "גוי קדוש" (ווי דער אויבערשטער האט געזאגט נאך פאר מתן תורה) - באקומט מען די אלע ברכות פון אויבערשטן:

**יברכך ה' וישמרך:** דער אויבערשטער בענטשט יעדער אידן און פארהיט אים בתוככי כלל ישראל:

**יאר ה' פניו אליך ויחונך:** דער אויבערשטער באווייזט יעדער אידן א ליכטיקן פנים, און גיט אים חן ביי אלעמען, ביז אויך ביי אלע פעלקער:

**ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום:** דער אויבערשטער פארגיט, ער איז מוחל אויף די אלע זאכן וואס ס'האט אמאל געטראפן ניט ווי עס דארף–צו–זיין, און ער גיט יעדערן דעם אמת'ן שלום.

און דערנאך פארענדיקט מען - **ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם**, אז די כהנים דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען, אין אן אופן אז דאס ווערט "אנגעטאן" אויף יעדער אידן ("ושמו את שמי על בני ישראל"), און דעמאלט איז "**ואני אברכם**": דער אויבערשטער איז מוסיף נאכמער אין זיינע ברכות.

(פון דער רבי' רעדט צו קינדער – ר"ח סיון תשמ"א)

# דערציילט מיר א מעשה



רב הירשפרונג איז געווען א גרויסער רב און תלמיד חכם וועלכער האט געלעבט אין מאנטרעאל. מיט א פאר יאר צוריק איז הרב הירשפרונג'ס פרוי געווארן ניט געזונט. ווען די דאקטויר'ן האבן איר אונטערזוכט, האבן זיי געפונען יענע מחלה ר"ל. זיי האבן געזאגט אז עס איז אזוי געפעלראך,אז זיי ווייסן ניט אפילו אויב אן "אפעריישן" וועט העלפן.

הרב הירשפרונג איז געווען אינגאנצן צובראכן פון דעם. ער האט שוין ניט געקענט זיין דער זעלבער לעבעדיגער און פרייליכער מענטש ווי פריער. ער איז געווארן זייער פארביטערט.

אבער א קורצע ווייליע שפעטער איז הרב הירשפרונג צוריקגעקומען צו זיך! ער איז נאכאמאל געווארן צופרידן, און האט נאכאמאל אנגעהויבן זאגן די אלע שיעורים ווי געוויינליך. אלע האבן זיך געוואונדערט אויף די גרויסע ענדערונג אין זיין מצב רוח, ביז זיין טאכטער האט זיי ערקלערט וואס איז געשען.

"מיין טאטע איז א גרויסער חסיד פון דעם ליובאוויטשער רבי'ן, פארבונדן מיט הארץ און נשמה. מיין טאטע טוט ניט אלע ליובאוויטשער מנהגים, אבער ער איז זייער שטארק מקושר צום רבי'ן.

ווען מיין מאמע איז ערשט געווארן ניט געזונט, איז מיין טאטע געווען אויס–מענטש. איין טאג ווען איך בין געווען מיט מיינע עלטערן אין צימער, איז אנגעקומען א בריוו פון רבי'ן אין פאסט. מיין טאטע איז געווען אין מיטן לערנען, אבער ווען ער האט געהערט אז דער בריוו איז אנגעקומען, איז ער אויפגעשטאנען און האט זיך געוואשן די הענט. מיין טאטע איז געשטאנען און האט געליינט דעם בריוו.

נאך א מינוט איז מיין טאטע אריינגעקומען אין מיין מאמע'ס צימער און האט איר געזאגט: "איך האב יעצט באקומען א בריוו פון רבי'ן. צום סוף פון דעם בריוו האט דער רבי געשריבן מיט זיין הייליגער האנטשריפט,

'וועגן דעם וואס דו שרייבסט וועגן דיין פרוי – דאס איז נאר די עצה פון דעם יצר הרע וואס ער וויל דיר פארשוועכן. דו זאלסט צו אים ניט צוהערן. דו און דיין פרוי וועלן זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים טובות.'"

מיין טאטע איז געשטאנען נעבן מיין מאמע און האט איר געזאגט, "ברוך ה' אז עס איז פאראן אזא רבי. דער רבי זאגט אז דו ביסט געזונט, ביסטו געזונט, און דו האסט ניט וואס צו זארגן."

"איך האב ניט געקענט גלייבן וואס איך האב געזען. מיין טאטע איז אין א מינוט געווארן אן אנדערער מענטש. אין די נעקסטע וואכן ביז מיין מאמע האט געהאט א רפואה שלימה, האט זיך אלץ געביטן. מיר האבן זיך געזארגט וועגן אונזער מאמע, און מיין טאטע איז געווען אינגאנצן רוהיג. אפילו אין דעם טאג פון דער "אפעריישן", ווען זיי האבן אריינגענומען מיין מאמע אין דעם צימער, און מיר זיינען אלע געווען אזוי נערוועז, איז מיין טאטע געווען אינגאנצן רוהיג.

"דער רבי האט געזאגט אז זי וועט זיין געזונט," האט ער געזאגט, " איך האב ניט אויף וואס צו זארגן!"

ווען די דאקטויר'ן האבן געזאגט אז זיי ווייסן ניט וואס איז געשען, אבער זיי זעען ניט קיין שום מחלה, זיינען מיר ארויסגעגאנגען פון אונזערע כלים מיט פרייד. מיין טאטע האט אבער ניט פארשטאנען דעם גרויסן טומל - ער האט שוין געוואוסט אז מיין מאמע וועט זיין געזונט!"

# דעם חסידישן לוח



## י"ג סיון תר"ס





די חתונה פון הרה"ג הרה"ח ר' לוי יצחק און רביצין חנה שניאורסאהן.

ווען ר' לוי יצחק איז אנגעקומען צו די צייט פון שידוכים, האט דער רבי רש"ב מציע געווען פאר אים א שידוך מיט רביצין חנה, די טאכטער פון ר' מאיר שלמה יאנאווסקי.

נאכדעם וואס מען האט באשטימט די צייט פון חתונה אויף ערב שבת נאך שבועות, איז די כלה געווארן ניט געזונט. הרב מאיר שלמה, האט געוואלט אפשטופן די חתונה. ער האט געשיקט א שליח צו דעם רבי'ן רש"ב, אבער דער רבי רש"ב האט ניט מסכים געווען אפשטופן די חתונה. דער רבי האט געשיקט זיין ברכה, און האט געזאגט אז אלס זאל זיין גוט, און מען האט ניט פון וואס מורא האבן. און טאקע איז די חתונה פארגעקומען אין צייט –י"ג סיון.

צען יאר איז ר' לוי יצחק געווען אריינגעטאן אין לערנען, און זיין שווער האט אים אויסגעהאלטן מיט זיינע באדערפעניש'ן. דערנאך איז ער אין יאר תרס"ט געווארן דער רב פון יעקאטערינאסלאוו.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' **דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה יוניק
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org